ישראל שטערן

# ווארימער

I.

נאט האט ארויסגעשיקט
פון הימל א פינגער
און געגעבן א װאונק:
טאג זאל שוין װערן!

דאס הײליגע װארט
האט די ערד אויפגעװעקט,
און װײס איז געװארן
אין פענסטער די שויב,
װײס אנגעטאן
האבן היבש זיך בערײט
די װאנט און דער שאטן,
װײס איז געװארן
דאס בעטל מיט מיר.

איך ליג בײ דעם פענסטער
און טראכט פון מײן חלום:

... איבער בערגלעך לויף איך,
איבער פעלדער לויף איך
און איך זוך מײן מאמע.
קומט א הירש מיט זיבן הערנער
און מאכט צו מיר אזוי:
זיבן יאהר בין איך אלט,
זיבן יאהר װעסטו לויפן
זוכענדיג דײן מאמע.
הויב איך אן אין פעלד צו װײנען
און די גראזן װײנען מיט.
שטעהט דער הירש מיט זיבן הערנער
און זאגט צו מיר אזוי:
איך בין אלט זיבן יאהר, —
שװער צו לויפן זיבן יאהר,
איבער יונגע און אלטע װעלדער,
איבער קלײנע און גרויסע בערגלעך
האט מיך נאך געהײסן שפרינגען;
אפשר װעל איך ערגעץ
אין װעג דײן מאמע טרעפן, —
װאסער סימן זאל איך זאגן?
הויב איך אן אין פעלד צו לאכן
און די גראזן לאכען־מיט—:
דערמאלט װען זי איז אװעק *
האט זי א גאנצען טאג געקוקט אויף מיר
און מיר דערצעהלט, אז אין מײנע
רונדע בעקלעך בליהען בלומען.
רויט װי בלוט און װײס װי מילך;
אז די טרעפסט מײן מאמע — זאג איהר:
פון אויגן גיסט זיך ניט קײן ליכט
אויפ'ן פנים'ל פון קינד,
די בלומען הויבען אן צו װעלקען ——

כ'האב נאך מײן חלום ניט געענדיגט
און עס װינט זיך שוין מײן שפיגל

הײליג־שפיל אויף פרישע בלויליעס
ליכט, װאס גיסט זיך פון די שויבען.

דעם פענסטער שפרײזט די זון ארײנער
און װעבט זיך פרעהליך אויפ'ן בעטעל.

איך ליג און הער װי זי גלעט מיך:
קינד מײנס, קינד מײנס! שלאפסט קײן
נאכט ניט,
מײן ארים קינד! דו לײדסט און װײנסט
און אין גארטען דרײע ברידער
האבען זיך שוין זיבען ליכטער
פון די פײגעל אויסגעלערנט
און זײ שפרײטען־אויס די ארעמס
צו אלע טויערן פון גארטען
און זוכען דיך ארום.

II.

בוימער, בויגט זיך
נעהנטער צו מיר,
אײער יונגערן ברודער.

אין אײער גרינעם לעבען
װעל איך אײבנוינקען מײן בלוט
און בײ אײך אויף די בלעטער
טראגשרײבען פון הארץ,
אפשר װעט מיר גרינגער װערען.

און װעט מײן לעבען זײן פער'עקשנ'ט
אין זײן גראהער לאסט, —
װעל איך שטעהן נעבען אײך
און זיך צוזעהן, װי דער זומער
רײסט ברענענדיגע ריטער
(פון די רויטע הימעל־װעלדער,
װאס צעװאקסען זיך בעגינען)
און טרײבט לוסטיג זײן נשמת
דורך אײערע פולע אדערן.

און װעט מיר נאך אלץ שװער זײן,
װעל איך אנשפארען דעם קאפ אן אײך.

א מינוט װעט אװעקגעהן און װעט דערזעהן
און צושפרינגען צו אײך א פרעג טהון,
װעט איהר שאקלען מיט די צװײגען:
א טם ברודערל
איז געקומען צו אונז,
ער איז מיעד פון װעג
און אנטשלאפען געװארן.

און די, װאס װעלען שפאצירען גיהן,
װעלען רעדען צװישען זיך:
אנ'אפגעריסען בלימעל
װאס מיט'ן אנקומען פון זומער
זיך פארבײגעט צום גארטען.

# וואַרעמער

[הײַנט; פֿאָרמעלער נאָמען:] נײַעס פֿון הײַנט (וואַרשע, 1919–1920)

2, נומ׳ 79, אַפּריל 2, 1920, ז׳ 9